# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC. N.Y.
YIVO

15/6315

96-95

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתּדרות הכּללית של העובֿדים בארץ־ישׂראל

1978 תּל־אָבֿיבֿ

ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# װעװקע שוסטער

שטיל אין בלאָק. אַ נאָגנדיקע פֿאַרכטיקייט. מען װאָלט געקאָנט זאָגן, אַז אױך אױשװיץ פֿילט אַז הײַנט איז יום־כּיפּור.

װעװקע שוסטער האָט זיך אַרױסגעשאַרט פֿון בלאָק בגנבֿה. אונטער דעם כליאַפּעדיקן רעגן איז אים געלונגען אַריבערצולױפֿן אין בלאָק פֿון שילעװער רבֿ.

אױף אײנער פֿון די נאַרעס, אין אַ װינקל, זיצט דער שילעװער רבֿ. די צװײ באָרװעסע בײנערפֿיס אױסגעצױגן, באַהאָפֿטענע, װי ער װאָלט מיט זײ געשטאַנען שמונה־עשׂרה. די אױגן געשלאָסענע: ונתנה תּוקף קדושת היום...

אױף דער פּױלישער נאַרע, צװישן פּאָליאַקן, זיצט פֿרוכטנבױם דער שטובן־עלטסטער. מען פּאָרעט זיך דאָרט בײַם עפֿענען שפּײַזפּעקלעך, װאָס נאָר די פּאָליאַקן מעגן באַקומען פֿון זײערע הײמען. זײ סדרן אױס פֿון קאַרטאָן־שאַכטלען: רױטע עפּל, הײמיש געבעקס, פֿאַרשײדענע סלױיִקלעך. פֿרוכטנבױם חנפֿעט זיך צו זײ. זײ גיבן אים צו פֿאַרזוכן. און פֿרוכטנבױם זאָרגט אַז עס זאָל זײ חלילה גאָרנישט נישט פֿעלן אין אױשװיצער בלאָק: װאָלענע דעקן אונטערצולײגן און זיך צודעקן און אַפֿילו צו פֿאַרהענגען בײַ נאַכט אַרום דער נאַרע. עלעהײ זײ געהערן נישט אַהער, נישט צום בלאָק און נישט צו אױשװיץ. אױב זײ װילן, קאָנען זײ זיך אױסמאָלן אַז זײ פֿאָרן בײַ נאַכט אין אַ פֿאַרמאַכטער אָפּטײלונג פֿון אַ פּולמאַן־צוג. מעגלעך, אַז זײ װעלן זיך אױפֿװעקן אין דער פֿרי, װעט שױן זײַן נאָך דער מלחמה. זײ װעלן אױסשטײַגן פֿון צוג און אַהײם גײן צו זײערע משפּחות, צו זײער װעלט.

װעװקע שוסטער קוקט מיט אױפֿגעריסענע אױגן: סלױיִקלעך מיט קאָנפֿיטורן אין די הענט פֿון די פּאָליאַקן. זײ באַטראַכטן דעם קאָליר פֿון אײַנגעמאַכטס אַנטקעגן דעם ליכט, עפֿענען די דעקלעך, שטעקן אַרײַן אַ שפּיץ פֿינגער, פֿאַרזוכן דעם טעם. װעװקעס אױגן פֿאַרנעפּלען זיך טרערנדיק. אָט אַזעלכע סלױיִקלעך קאָנפֿיטורן האָט זײַן גיטעלע תּמיד צוגעגרײט פֿאַר די קינדער אױף װינטערצײַט. די דײַטשן האָבן געגעבן צען מינוט איבערצולאָזן די װױנונג און אַװעק אין דער געטאָ. ער האָט קױם באַװיזן צו כאַפּן דאָס שוסטערטישל מיט אַ קעסטל כּלים. פּאָליאַקן זענען דערנאָך אַרײַן װױנען אין ייִדישע שטיבער. אַלץ איז דאָרט איבערגעבליבן. צי האָבן נישט גיטלס הענט צוגעגרײט אָט די סלױיִקלעך קאָנפֿיטורן?

ס'איז יום־כּיפּור אױף דער נאַרע פֿון שילעװער רבֿ. פֿאַרשװוּנדן דער בלאָק, פֿאַרשװוּנדן אױשװיץ. דער שילעװער רבֿ, אַ דערהױבענער צו אַנדערע װעלטן, הײבט די אַרום זיצנדיקע צוזאַמען מיט זיך. העכער, העכער, דבֿקות. דער לעצטער הױך פֿון

גשמיות פֿאַלט אַראָפּ פֿון די אױסגעטריקנטע לײַבער. ס׳איז איצט יום־כּיפּור אױך אױבן אין די הימלען. שׂרפֿים ציטערן און פֿלאַטערן, פֿאַרדעקן זײערע פּנימער מיט אימה און זאָגן: עס זאָל זײַן געגרונטפֿעסטיקט מיט חסד דײַן טראָן, און דו זאָלסט אױף אים זיצן מיט אמת... דאָ, אױף דער נאַרע אין אַ בלאָק פֿון אױשװיץ, ציטערן איצט אױף די בלוטלאָזע ליפּן פֿון שילעװער רבֿ די זעלביקע װערטער.

װעװוקעס אױגן שליסן זיך. ער זעט: אַ געפּאַקטע שול מיט ייִדן. אַריבערגעװאָרפֿע־נע טליתים איבער די קעפּ. קינדער טוליען זיך צו די פּיס פֿון טאַטע־מאַמע. די גאַנצע עדה שרײַט־אױס די פֿאַרכטיקע תּפֿילה ונתנה תּוקף: דו זאָלסט זיצן אױף דײַן טראָן מיט אמת...

װעװוקעס אױגן־לעפּלעך עפֿענען זיך. ער זעט: פּאָליאַקן־נאַרע, געעפֿנטע קאַרטאָנען, סלויִקלעך קאָנפֿיטורן...

— רבי! — גיט פּלוצעם זיך אַ ריס אַ געשרײ פֿון װעװוקעס האַלדז — װוּ זענען די ייִדן? װוּ זענען די װײַבער? װוּ זענען די קינדער?

װעװוקע שפּרינגט אַראָפּ פֿון דער נאַרע. ער זעצט מיט געבײַלטע פֿױסטן אין דער װאַנט פֿון בלאָק:

— װוּ זענען די שולן מיט די ייִדן? האַ, רבי??!

עס לױפֿט אָן פּרוכטנבוים. דער שטעקן מיטן אײַזערנעם הענטל אַ געהױבענעם אין האַנט:

— הורנזון! אין דײַן מאַמעס מאַמען, װאָס טוסטו אין מײַן בלאָק? — רעװעט ער צו װעװוקען — אַרױס, אַרױס!

פּרוכטנבוימען איז איצט אַ שאָד צו פֿאַרזאַמען די גוטע זאַכן אױף דער פּױלישער נאַרע. דערלאַנגט ער אין געאײַל בלױז אײן מאָל אַ זעץ װעװוקען אין קאָפּ מיטן אײַזער־נעם הענטל פֿון שטעקן און קאָפּעט אים אַרױס אַ צעבלוטיקטן פֿון בלאָק.

◉

אין װעװוקעס בלאָק האָט מען שױן כּמעט פֿאַרענדיקט דאָס אױסטײלן די פּאָרציעס זופּ. לעצטע העפֿטלינגס גײען צוריק פֿון דער פּאַס מיט שיסעלעך זופּ אין האַנט. יענע װעלכע האָבן שױן אַראָפּגעשלונגען זײער פּאָרציע, שטעלן זיך באַלד אַװעק קוקן מיט אַרױסגעזעצטע אױגן צו די פֿולע שיסעלעך זופּ אין די הענט פֿון די צוריקגײענדיקע פֿון פּאַס, עלעהײ אין דער זופּ װאָס זײ האָבן נאָר װאָס אַראָפּגעשלונגען װאָלט זיך געפֿונען אַזאַ מין סם װאָס צװינגט זײ באַלד נאָכן אַראָפּשלינגען די זופּ צו לױפֿן קוקן מיט די אױגן צו די שיסעלעך זופּ אין פֿרעמדע הענט.

װעװוקע זיצט אױף דער נאַרע. דאָס פֿולע שיסעלע זופּ שטײט צװישן זײַנע פֿיס. די געעפֿנטע האַנטפֿלאַכן האַלט ער אױף די קניִען. דעם קאָפּ אַראָפּגעבױגן. זײַנע אױגן שטעקן אין שיסעלע זופּ. פֿון אַהינטער איז זײַן קאָפּ געלעכערט פֿון אײַזערנעם הענטל אױף פּרוכטנבוימס שטעקן. דאָס געזעצטע בלוט איבערן אױסגעדאַרטן קאַרק זעט אױס װי אַראָפּגעטריפֿטער, פֿאַרקילטער חלבֿ פֿון אַ שװאַרץ ליכט. נאָר װעװוקע פֿילט דאָס נישט. ער זיצט אומבאַװעגלעך, אַריבערגעבױגן איבערן שיסעלע זופּ, די אױגן אײַנגע־שטאָכענע אין שיסעלע. די שכנים אַרום אים אױף דער נאַרע זעען אים נישט. ער עקסיסטירט נישט פֿאַר זײ. זײ פֿאַלט אַפֿילו נישט אײַן זיך צו װוּנדערן: פֿאַר װאָס עסט

נישט וועווקע? אַלץ, אַלץ הערט אויף צו עקסיסטירן. אָט שטייט זיך אַ שיסעלע זופּ אויפֿן האַלץ פֿון דער נאַרע און אַלע אויגן קוקן דערצו. די וועלט האַלט אײַן דעם אָטעם: אַ פֿול שיסעלע מיט זופּ!

וועווקע ווייסט נישט אַז זײַן קאָפּ איז געלעכערט. ער פֿילט בלויז אַ פֿײַער שלאָגט פֿון זײַן אינעווייניק צום קאָפּ. ווערטער, ווי פֿונקען פֿון אַ ברענענדיקן שײַטער, שפּריצן פֿון זײַן אינעווייניק צום געעפֿנטן קאָפּ ווי צו אַ קוימענלאָך: יום־כּיפּור, גיטל, איידער זי גייט פֿון דער שטוב צו דער ווײַבערשול, וויינט אין ווײַסן טיכל אַרײַן: „וועווקעשי, בעט דיר אויס אַ גוט יאָר...” אַ געפּאַקטע שול מיט יידן שרײַען: „דו זאָלסט זיצן אויף דײַן טראָן מיט אמת!..”

פלוצלינג האָבן וועווקעס פּיס אַ קאָפּע געטאָן אין דער זופּ. דאָס שיסעלע איז אָפּגעפֿלויגן אין דער לופֿט, זיך אָנגעשלאָגן אינעם זײַטנברעט פֿון דער אַקעגנאיבערדיקער נאַרע, זיך איבערגעקערט און אַראָפּ צו דער ערד. וועווקע האָט אויפֿגעהויבן די אויגן צו די ברעטער פֿון דער אייבערשטער נאַרע איבער זײַן קאָפּ, ווי צום הימל:

— נאַ, זע, איך וויל דיר ווײַזן אַז וועווקע שוסטער קאָן אויך אין אוישוויץ פֿאַסטן יום־כּיפּור! נאָר דו, מיט אמת זאָלסטו זיצן אויף דײַן טראָן! הערסט? מיט אמת!

ווי שוואַרצע רוחות זענען העפֿטלינגס אַרויסגעשפּרונגען פֿון אַרומיקע נאַרעס. זיך געוואָרפֿן צו דער ערד מיט געעפֿנטע מײַלער. איינער האָט געטראָטן אויפֿן אַנדערן. די באַשפּריצטע זײַטנברעטער פֿון דער נאַרע זענען באַפֿאַלן געוואָרן פֿון אַרויסגעשטעקטע צינגער און ציינער. זיי האָבן זיך אײַנגעביסן אינעם האָלץ, געלעקט די ערד, געזויגן די פֿײַכטקייט פֿון דער זופּ.

ווי אַ געיאָגטער איז וועווקע אַרויסגעלאָפֿן פֿון בלאָק.

אין דרויסן האָבן די דעכער פֿון די בלאָקן געשטעקט אין הימל. דער רעגן איז געשטאַנען אין דער לופֿטן. וועווקעס באָרוועסע פּיאַטעס האָבן געזונקען אין דער בלאָטע פֿון דער אוישוויצער ערד. דער רעגן האָט געשווענקט דאָס גליווערדיקע בלוט אויף זײַן קאַרק. פלוצלינג האָבן זיך וועווקעס הענט אַ הייב געטאָן, געבײַלטע, צום אוישוויצער הימל:

— איך בין אַ זינדיקער שוסטערוק, בין איך! איך בין אַ רשע! אָבער מײַן גיטעלע, די שטילע נשמה, האָט דיר עפּעס שלעכטס געטאָן? מײַנע פֿינף קינדער האָבן דיר עפּעס אַ סך געטשעפּעט? טאָ זאָג מיר, פֿאַר וואָס?! אַ תּשובֿה זאָלסטו געבן! דו הערסט? איך וויל וויסן פֿאַ־ר וואָ־ס?!